# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................**7:08**
מוצאי שב"ק.......................**8:37**

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.........................שופטים ו'-ז'
בבלי.......................כתובות נ"ט
ירושלמי...............סנהדרין נ"ו
תוספתא..................שביעית ה'
רמב"ם....רוצח ושמירת הנפש י"ג

פרשת שופטים, ז' אלול, אבות פרק ו', שנת תשפ"ב לפ"ק — שנה 11, גליון 53 (568)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

**וְהָיָה כְּקָרָבְכֶם אֶל הַמִּלְחָמָה וְנִגַּשׁ הַכֹּהֵן וְדִבֶּר אֶל הָעָם, אַל יֵרַךְ לְבַבְכֶם אַל תִּירְאוּ וְאַל תַּחְפְּזוּ וְאַל תַּעַרְצוּ מִפְּנֵיהֶם, כִּי ה' אֱלֹקֵיכֶם הַהֹלֵךְ עִמָּכֶם וְגוֹ'.**

וֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער גֵייעֶן אַרוֹיס אִין מִלְחָמָה, זָאגְט אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אַז דֶער כֹּהֵן מָשׁוּחַ מִלְחָמָה דַארְף רֶעדְן צוּם פָאלְק אוּן זֵיי אָנְגְרֵייטְן אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן, נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן וֶוערְן אוּן נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן וֶוערְן פוּנֶעם פַיינְט, עֶר שְׁטַארְקְט זֵיי אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט מִיט זֵיי, אוּן עֶר וֶועט זֵיי הֶעלְפְן בַּאזִיגְן דֶעם פַיינְט.

מִיר וֵוייסְן אַז יֶעדֶעס וָוארְט פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אִיז אַ נִצְחִיּוּת, סְ'גֵייט אָן פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ אִין יֶעדֶע צַייט אוֹיף אֵייבִּיג, אוֹיב אַזוֹי דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין וִוי אַזוֹי אִיז שַׁיָּיךְ פַאר אוּנְז הַיינְט דִי פַּרְשָׁה פוּנֶעם כֹּהֵן מָשׁוּחַ מִלְחָמָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קט"ו) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (שְׁמוֹת כ', י"ז) **וַיַּעֲמֹד הָעָם מֵרָחֹק וּמֹשֶׁה נִגַּשׁ אֶל הָעֲרָפֶל אֲשֶׁר שָׁם הָאֱלֹקִים**, אַז אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז כְּסֵדֶר פַארְנוּמֶען מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, אוּן אֵיין טָאג כַאפְּט אִים אָן אַן הִתְעוֹרְרוּת אוּן עֶר וִויל וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, וֶועט עֶר נִישְׁט גְלַייךְ אָנְהוֹיבְּן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דִי מִדַּת הַדִּין אִיז מְקַטְרֵג אוֹיף אִים, אוּן לָאזְט אִים נִישְׁט גְלַייךְ אָנְקוּמֶען צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, אוּן דֶערְפַאר שְׁטֶעלְט מֶען אִים אוּנְטֶער פִּיסְלֶעךְ אוּן שְׁטֶערוּנְגֶען, עֶר זָאל נִישְׁט קֶענֶען אַזוֹי גְרִינְג צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָבֶּער רַחֲמָנוּת אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ, אוּן דֶערְפַאר בַּאהַאלְט עֶר זִיךְ אִין דִי מְנִיעוֹת.

אוֹיב הָאט דֶער מֶענְטְשׁ דֶעם רִיכְטִיגְן שֵׂכֶל, קֶען עֶר טְרֶעפְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי מְנִיעוֹת. אוֹיב אָבֶּער הָאט דֶער מֶענְטְשׁ נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, וֶוערְט עֶר דֶערְשְׁרָאקְן, עֶר הָאט גֶעמֵיינְט אַז וִוי נָאר עֶר וֶועט זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין, וֶועט אִים אַלֶעס גֵיין גוּט אוּן גְרִינְג, אוּן דֶערְוַוייל זֶעט עֶר גָאר אַז אַלֶעס אִיז אִים טוּנְקְל אוּן פַארְלָאשְׁן, אוּן עֶר לָאזְט נֶעבֶּעךְ אָפּ זַיינֶע גוּטֶע וֶועגְן.

מִיט דֶעם טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי דֶעם פָּסוּק, וֶוען דִי אִידְן הָאבְּן גֶעזֶען דֶעם טוּנְקֶעלְן וָואלְקְן אוּן נֶעפְּל וָואס נֶעמְט אַרוּם דֶעם בַּארְג סִינַי, "וַיַּעֲמֹד הָעָם מֵרָחֹק", זֶענֶען דִי פְּשׁוּטֶע אִידְן גֶעשְׁטַאנֶען פוּן דֶערְוַוייטְנְס, זֵיי הָאבְּן מוֹרָא גֶעהַאט צוּצוּגֵיין, אָבֶּער "וּמֹשֶׁה", דָאס אִיז דֶער דַעַת אוּן שֵׂכֶל פוּנֶעם צַדִּיק, וֶוען אַ אִיד נֶעמְט דֶעם שֵׂכֶל פוּן אַ צַדִּיק, "נִגַּשׁ אֶל הָעֲרָפֶל", גֵייט עֶר דַוְקָא יָא אַרַיין צוּם נֶעפְּל, וַוייל עֶר וֵוייסְט, "אֲשֶׁר שָׁם הָאֱלֹקִים", אַז דָארְט בַּאהַאלְט זִיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין.

מִיט דֶעם קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין וִוי אַזוֹי מִיר קֶענֶען הַיינְט מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה פוּן כֹּהֵן מָשׁוּחַ מִלְחָמָה, וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז פַארְוִויקְלְט אִין שְׁוֶוערֶע מִלְחָמוֹת, יֶעדֶער אִיד וִויל דָאךְ זַיין נָאר ווָאוִיל אוּן עֶרְלִיךְ, אוּן דֶער יֵצֶר הָרָע מִיט זַיינֶע כּוֹחוֹת ווִילְן אִים נָאר אַוֶועקְשְׁלֶעפְּן פוּנְ'ם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר שְׁטֶעלְט כְּסֵדֶר אוּנְטֶער שְׁטֶערוּנְגֶען אוּן שְׁוֶוערִיקֵייטְן פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, אַז עֶר זָאל נִישְׁט אַזוֹי גְרִינְג קֶענֶען דִינֶען אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

דֶערְפַאר זָאגְט אוּנְז דֶער פָּסוּק, **וְהָיָה כְּקָרָבְכֶם אֶל הַמִּלְחָמָה**, וֶוען אַ אִיד זֶעט אַז עֶר אִיז אִין אַ שְׁוֶוערֶע מִלְחָמָה מִיטְ'ן יֵצֶר הָרָע, עֶר קֶען אִים נִישְׁט בַּאזִיגְן, דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְט אִים אַרָאפּ אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אִין שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, אוּן עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט קַיין עֵצָה גֶעבְּן, דַאן, **וְנִגַּשׁ הַכֹּהֵן וְדִבֶּר אֶל הָעָם**, דַארְף דֶער כֹּהֵן - וָואס דָאס אִיז דֶער צַדִּיק - צוּגֵיין אוּן מְחַזֵּק זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער, **אַל יֵרַךְ לְבַבְכֶם אַל תִּירְאוּ וְאַל תַּחְפְּזוּ וְאַל תַּעַרְצוּ**, זֵיי זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן אַז סְ'גֵייט זֵיי אַזוֹי שְׁוֶוער, דֶער צַדִּיק זָאגְט אוֹיס דֶעם סוֹד אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין בַּאהַאלְט זִיךְ אִין דִי אַלֶע מְנִיעוֹת אוּן שְׁוֶוערִיקֵייטְן, **כִּי ה' אֱלֹקֵיכֶם הַהֹלֵךְ עִמָּכֶם לְהִלָּחֵם לָכֶם עִם אֹיְבֵיכֶם לְהוֹשִׁיעַ אֶתְכֶם**, עֶר וִויל נָאר זֶען וִוי דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אוּן אוֹיב דֶער אִיד וֶועט זִיךְ שְׁטַארְקְן נִישְׁט אָפְּצוּלָאזְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר קַיין שׁוּם פְּרַייז אוֹיף דֶער וֶועלְט, וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער הֶעלְפְן עֶר זָאל אָנְקוּמֶען צוּם תַּכְלִית צוּ וָואס עֶר דַארְף אָנְקוּמֶען, אוּן אַז סְ'זָאל אִים זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(תּוֹךְ הַנַּחַל שׁוֹפְטִים תשס"ד)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### חוֹדֶשׁ אֱלוּל

מִיר שְׁטֵייעֶן שׁוֹין אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל, אָט אָט קוּמְט שׁוֹין דִי הֵיילִיגֶע פָארְכְטִיגֶע טֶעג פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן יוֹם כִּיפּוּר, אָט אָט גֵייעֶן מִיר שׁוֹין שְׁרֵייעֶן בַּיי דִי תְּפִלָּה פוּן "וּנְתַנֶּה תּוֹקֶף" מִיט גְרוֹיס הִתְעוֹרְרוּת דִי וֶוערְטֶער: "וּתְשׁוּבָה, וּתְפִלָּה, וּצְדָקָה, מַעֲבִירִין אֶת רֹעַ הַגְּזֵרָה!" אוּן וֶוער עֶס אִיז קְלוּג ווַארְט נִישְׁט בִּיז מֶען וֶועט אִים אָנְשְׁרַייבְּן חַ"ו שְׁלֶעכְטֶע גְזֵרוֹת אוּן עֶר וֶועט עֶס דַארְפְן צֶעשְׁטֶערְן אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נָאר עֶר הוֹיבְּט שׁוֹין אָן פוּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן מִיט דִי דְרֵיי זַאכְן, מִיט תְּשׁוּבָה, תְּפִלָּה אוּן צְדָקָה, אַזוֹי אַז מֶען זָאל בִּכְלַל נִישְׁט אָנְהוֹיבְּן צוּ מַאכְן אוֹיף אִים שְׁוֶוערֶע גְזֵרוֹת.

יֶעצְט אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט זִיךְ אוֹיפְצִיוֶועקְן פוּן דֶעם טִיפְן שְׁלָאף וָואס מֶען אִיז גֶעשְׁלָאפְן אַ גַאנְץ יָאר, אוּן זִיךְ אָנְהֵייבְּן צוּ בַּארֶעכֶענֶען וואו מֶען הַאלְט אוֹיף דִי וֶועלְט, צוּ תְּשׁוּבָה טוּן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶען דֶערְצֵיילְט פוּן צַדִּיקִים אַז וֶוען מֶען הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, וֶוען דֶער חַזָּן הָאט גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער "רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל יִהְיֶה

<<<<<<

## א גוט ווארט

גֵיי אַבִּיסְל הִתְבּוֹדְדוּת, מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת אַבִּיסְל צוּ שְׁפַּאצִירְן אַרוּם דַיין שְׁטוּבּ. דוּ הָאסְט דָאךְ אַ שֵׁיינֶע פֶעלְד אַרוּם דַיין הוֹיז, זָאלְסְטוּ גֵיין שְׁפַּאצִירְן, זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין.

טֵייל אַיין דִי הִתְבּוֹדְדוּת אִין דְרֵיי:

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִיז תּוֹדָה וְהוֹדָאָה, הוֹיבּ אָן מִיט דַאנְקֶען; דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר אוּן מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה, דַאנְק אִים פַארְ'ן דִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

צְוֵוייטְנְס, תְּשׁוּבָה; בֶּעט אִיבֶּער דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, טוּ תְּשׁוּבָה אוֹיף אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן, דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן אוּן וָואס דוּ טוּסְט אוּן הָאבּ חֲרָטָה, זָאג פַארְ'ן בַּאשֶׁעפֶער אַז דוּ גֵייסְט מֶער נִישְׁט טוּן דִי זַאכְן.

דְרִיטְנְס, בַּקָּשָׁה; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, עֶר זָאל דִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּ אִים, דוּ זָאלְסְט זִיךְ פִירְן אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל.

דִי פָּאר מִינוּט וָואס דוּ שְׁפַּאצִירְסְט אַזוֹי אַרוּם דַיין שְׁטוּבּ - זָאלְסְטוּ אָפְּלָאזְן דֶעם טֶעלֶעפָאן אוּן אַלֶעס אַרוּם; יֶעצְט אִיז אַ צַייט וָואס אִיךְ שְׁטֶעל אַלֶעס אָפּ.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה רְאֵה תשפ"ב)

# אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# אִיז דָא אַן עֵצָה גְרִינְגֶער אֵיינְצוּשְׁלָאפְן?

*שְׁאֵלָה:*

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ לֶעצְטְנְס גֶעפֶערְלִיךְ מִיטְ'ן שְׁלָאפְן, עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער אֵיינְצוּשְׁלָאפְן, אוּן אִיךְ שְׁלָאף נִישְׁט קַיין נֶעכְט. אַסַאךְ מָאל הָאבּ אִיךְ אַזַא לַחַץ אַז אִיךְ מוּז מָארְגְן אוֹיפְשְׁטֵיין פְּרִי, אַז דָאס אַלֵיין מַאכְט אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט קֶענֶען אַיינְשְׁלָאפְן.

אֶפְשָׁר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַן עֵצָה פַאר מִיר?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ד' פַּרְשַׁת נָשֹׂא, ט' סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נֶעם אַרַיין אִין דִיר אֱמוּנָה - וֶועסְטוּ אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע דַיינֶע צָרוֹת. וֶוען מֶען נֶעמְט אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין זִיךְ, מֶען לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, מֶען וֵוייסְט אוּן מֶען גֶעדֶענְקְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, נִישְׁטָא גָארְנִישְׁט אוֹיסֶער אִים, אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט אִיז עֶר - דֶעמָאלְט וֶוערְט לִיכְטִיג, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְחֶזְקֵאל מג, ב): "וְהָאָרֶץ הֵאִירָה מִכְּבֹדוֹ", אַלֶע טוּנְקְלְקֵייטְן גֵייעֶן אַוֶועק.

עֶס אִיז דָא אַ סְגוּלָה פוּן רֶבִּי'ן צוּ קֶענֶען אַיינְשְׁלָאפְן, מֶען זָאל טְרַאכְטְן פוּן תְּחִיַּית הַמֵּתִים. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה חֵלֶק ב', סִימָן יז): "מִי שֶׁאֵינוֹ יָכוֹל לִישֹׁן, יַעֲלֶה עַל מַחֲשַׁבְתּוֹ אֱמוּנַת תְּחִיַּית הַמֵּתִים", וֶוער עֶס קֶען נִישְׁט אַיינְשְׁלָאפְן, זָאל טְרַאכְטְן פוּן תְּחִיַּית הַמֵּתִים; אָבֶּער עֶס הֶערְט זִיךְ פוּן דַיין פְרַאגֶע אַז דוּ אַלֵיינְס מַאכְסְט זִיךְ דֶער פְּרָאבְּלֶעם, דוּ צְוִוינְגְסְט זִיךְ צוּ שְׁלָאפְן, דָאס הַאלְט אָפּ דֶעם שְׁלָאפְן, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תלא): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִישֹׁן וְאֵינוֹ יָכוֹל לִישֹׁן", וֶוער עֶס וִויל שְׁלָאפְן אוּן קֶען נִישְׁט אַיינְשְׁלָאפְן, "הָעֵצָה לָזֶה לְבַל לְהַכְרִיחַ עַצְמוֹ כָּל כָּךְ לִישֹׁן", - זָאל זִיךְ נִישְׁט צְווִינְגֶען אֵיינְצוּשְׁלָאפְן, "כִּי כָּל מַה שֶּׁמַּכְרִיחַ עַצְמוֹ יוֹתֵר לִישֹׁן, מִתְגַּבֵּר עָלָיו בְּיוֹתֵר מְנִיעוֹת הַשֵּׁנָה", וַוייל וִוי מֶער מֶען צְווִינְגְט זִיךְ אֵיינְצוּשְׁלָאפְן - אַלְץ שְׁוֶוערֶער וֶועט זַיין דָאס אַיינְשְׁלָאפְן. "וְעִנְיָן זֶה גַּם בְּכָל הַדְּבָרִים שֶׁבָּעוֹלָם לְבִלְתִּי לְהַכְרִיחַ עַצְמוֹ בְּיוֹתֵר", אַזוֹי גֵייט עֶס מִיט יֶעדֶע זַאךְ, מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט צֶעקְוֶועטְשְׁן פוּן גָארְנִישְׁט, "כִּי כָּל מַה שֶּׁמַּכְרִיחִין עַצְמוֹ בְּיוֹתֵר לְאֵיזֶה דָּבָר, מִתְגַּבֵּר עָלָיו בְּיוֹתֵר הַהֵפֶךְ דַּיְקָא", וַוייל וִוי מֶער מֶען קְוֶועטְשְׁט זִיךְ עֶס זָאל זַיין אַזוֹי אוּן אַזוֹי - וֶוערְט נָאר פַארְקֶערְט, עַיֵּין שָׁם.

דוּ קֶענְסְט נִישְׁט שְׁלָאפְן פוּן לַחַץ, דוּ טְרַאכְסְט אַ גַאנְצְן צַייט: 'וֶוען גֵיי אִיךְ שׁוֹין אַיינְשְׁלָאפְן?' דוּ פַּייִניגְסְט זִיךְ: 'פַארְוָואס שְׁלָאף אִיךְ נָאכְאַלְץ נִישְׁט?!' 'אוֹיבּ אִיךְ וֶועל נִישְׁט שְׁלָאפְן - וֶועל אִיךְ נִישְׁט קֶענֶען אָנְגֵיין וְכוּ' וְכוּ''; דוּ פַּייִנִיגְסְט זִיךְ, דוּ שְׁלָאגְסְט זִיךְ מִיט מַחְשָׁבוֹת, דָאס לָאזְט דִיר נִישְׁט אָנְגֵיין מִיטְ'ן לֶעבְּן.

פָאלְג דֶעם רֶבִּי'ן, הֶער אוֹיף זִיךְ דְרוּקְן; אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט שְׁלָאפְן - זָאלְסְטוּ לִיגְן אִין בֶּעט מִיט פַארְמַאכְטֶע אוֹיגְן. מֶען דַארְף נִישְׁט שְׁלָאפְן, עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט פַּאסִירְן אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט שְׁלָאפְן; לִיגְן אִין בֶּעט - רוּט אוֹיךְ אוֹיס. דֶער רֶבִּי זָאגְט, לִיגְן אִין בֶּעט מִיט פַארְמַאכְטֶע אוֹיגְן אִיז אַזוֹי וִוי שְׁלָאפְן, עֶס גֶעבְּט כֹּחַ, מֶען וֶוערְט אוֹיסְגֶערוּט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה נָשֹׂא תשפ"ב)



בְּיוֹם.." הָאט זֵיי שׁוֹין גֶעכַאפְּט אַזַא צִיטֶער. בְּלוֹיז דָאס דֶערְמַאנֶען אַז עֶס קוּמְט שׁוֹין חוֹדֶשׁ אֱלוּל, דָאס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען זֵייעֶר בֶּעסְטֶע מוּסָר סֵפֶר זִיךְ אוֹיפְצִיוֶועקְן פוּן שְׁלָאף, אוּן זִיךְ אָנְהֵייבְּן גְרֵייטְן צוּם נֵייעֶם יָאר וָואס קוּמְט.

דֶער צַדִּיק רֶבִּי מֹשֶׁה קָאבְּרִינֶער זי"ע פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ קִינְד פוּן זֶעקְס יָאר, הָאט עֶר זִיךְ גֶעשְׁפִּילְט אֵיינְמָאל מִיט אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, אִינְמִיטְן אִיז זַיין גְרוֹיסֶע שְׁוֶועסְטֶער גֶעקוּמֶען צוּ אִים אוּן גֶעזָאגְט: "מֹשֶׁה'לֶע, מֶען הָאט שׁוֹין גֶעבֶּענְטְשְׁט חוֹדֶשׁ אֱלוּל, אוּן אֲפִילוּ דִי פִישׁ אִין וַואסֶער צִיטֶערְן, אוּן דוּ שְׁפִּילְסְט זִיךְ נָאךְ?!" וֶוען עֶר הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן צִיטֶערְן, אַז בִּיז הַיינְט שְׁפִּירְט עֶר נָאךְ דֶעם צִיטֶער, וַוייל זַיין שְׁוֶועסְטֶער אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע צַדֶּקֶת אוּן זִי הָאט עֶס גֶעזָאגְט מִיט גְרוֹיס תְּמִימוּת אַז עֶס אִיז אִים אַרַיין אִין דִי בֵּיינֶער, אוּן פוּן דֶעמָאלְט הָאט עֶר זִיךְ גֶענוּמֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶען דַארְף גֶעדֶענְקְן אַז עֶס קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואס דֶעמָאלְט אִיז דֶער יוֹם הַדִּין, מֶען גֵייט אָנְשְׁרַייבְּן פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ פּוּנְקְטְלִיךְ וָואס עֶס גֵייט פַּאסִירְן מִיט אִים דִי גַאנְצֶע יָאר, אוּן דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ גוּט צוּגְרֵייטְן מִיט תּוֹרָה, תְּפִלָּה אוּן זְכוּתִים, אַז מֶען זָאל וֶוערְן פַארְשְׁרִיבְּן בְּסֵפֶר הַחַיִּים, מֶען זָאל הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

## מֶען בְּרֶענְט אוּן מֶען בְּרֶענְט

מֶען דַארְף אָבֶּער אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז מֶען זָאל נִישְׁט זַיין פוּן דִי מֶענְטְשְׁן פוּן וֶועם רֶבִּי נָתָן הָאט גֶערֶעדְט. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ אֱלוּל, מֶען בְּרֶענְט אוּן מֶען בְּרֶענְט.. אוּן מֶען טוּט גָארְנִישְׁט"... אוֹיךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "עֶס קוּמְט דִי אֱלוּל טֶעג, מֶען וֶוערְט פְרוּם פְרוּם פְרוּם, נִישְׁט מֶען לֶערְנְט אוּן נִישְׁט מֶען דַאוֶוענְט".

עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג אַז מֶען רֶעדְט פוּן אֱלוּל, מֶען רֶעדְט פוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אֱלוּל. נָאר מֶען דַארְף זֶען צוּ טוּן צוּ דִי זַאךְ, מֶען דַארְף זֶען צוּ אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט מִיט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס קֶען מֶען זֶען בַּיי מְקוֹמוֹת הַקְּדוֹשִׁים, עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס לָאזְן אִיבֶּער זֵייעֶר מִשְׁפָּחָה פַאר גַאנְץ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, אוּן זֶעצְן זִיךְ אַרַיין בַּיי קִבְרֵי צַדִּיקִים אוֹיסְצוּנִיצְן דֶעם הֵיילִיגְן חוֹדֶשׁ. דָארְט קֶען מֶען זֶען מַמָּשׁ דִי שִׂיחָה פוּן רֶבִּי נָתָן. מֶענְטְשְׁן זֶעצְן זִיךְ דָארְט אַרָאפּ אוּן מֶען זָאגְט עֶטְלִיכֶע קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, אוּן אִינְצְוִוישְׁן קוּמֶען אָן בַּאזוּכֶער, לָאזְט מֶען גְלַייךְ אָפּ דֶעם תְּהִלִּים, אוּן מֶען לוֹיפְט זֶען וֶוער דִי פְרֶעמְדֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען, אוּן מֶען בֶּעט שׁוֹין אַבִּיסְל שְׁלִיחַ-מִצְוָה גֶעלְט פוּן זֵיי, אוּן דֶערְנָאךְ גֵייט מֶען צוּרִיק צוּם תְּהִלִּים. פְּלוּצְלִינְג וֶוערְט מֶען הוּנְגֶערִיג אוּן מֶען גֵייט זוּכְן עֶפֶּעס צוּ עֶסְן, דֶערְנָאךְ וֶוערְט מֶען מִיד אוּן מֶען לֵייגְט זִיךְ צוּ אַבִּיסְל שְׁלָאפְן, אוּן אַזוֹי גֵייט אַרִיבֶּער דֶער טָאג מִיט גָארְנִישְׁט. אוֹיסֶער עֶטְלִיכֶע יְחִידֵי סְגוּלָה וָואס נוּצְן טַאקֶע דִי צַייט, אוּן זֵייעֶר מוֹיל הֶערְט נִישְׁט אוֹיף צוּ גֵיין מִיט תּוֹרָה וּתְפִלָּה אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי גַאנְצֶע חוֹדֶשׁ.

עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן הֵיילִיגְן אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ אַז דִי פֶערְצִיג טֶעג פוּן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל בִּיז נָאךְ יוֹם כִּיפּוּר, אִיז דָא דֶעמָאלְט אַזַא גְרוֹיסֶע עֵת רָצוֹן אִין הִימְל, דִי זֶעלְבֶּע וִוי וֶוען מֶען עֶפֶענְט אוֹיף דֶעם אָרוֹן קוֹדֶשׁ, וָואס דֶעמָאלְט אִיז בַּאקַאנְט אַז עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֵת רָצוֹן וָואס מֶען קֶען אַלֶעס אוֹיסְ'פוֹעלְ'ן בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, דִי זֶעלְבֶּע עֵת רָצוֹן אִיז אוֹיךְ דָא אִין דִי גַאנְצֶע פֶערְצִיג טֶעג.

וֶוער עֶס הָאט שֵׂכֶל נוּצְט אוֹיס דִי טֶעג מִיט אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר זִיכֶער פוֹעלְ'ן גָאר גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

## עֶס אִיז נִישְׁט דָא גֶענוּג צַייט

דֶער אֱמֶת אִיז אַז וֶוען מֶען מַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן מִיט יִשּׁוּב הַדַּעַת, זֶעט מֶען אַז עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג דִי גַאנְצֶע חוֹדֶשׁ אֱלוּל צוּ קֶענֶען עֶנְדִיגְן דִי פִילֶע שִׁיעוּרִים וָואס אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְלֶעגְן הָאבְּן אִין דֶעם חוֹדֶשׁ. וֶוער עֶס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן פְּרוּבִּירְט אַרַיינְצוּכַאפְּן אִין דֶעם חוֹדֶשׁ צוּ עֶנְדִיגְן גַאנְץ תַּנַ"ךְ, אַלֶע רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, תִּיקוּנֵי זֹהַר, שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, הֲלָכוֹת פוּן דִי יָמִים נוֹרָאִים, אוּן נָאךְ אוּן נָאךְ, אוּן דָאס אִיז שׁוֹין אוֹיסֶער דִי אַלֶע שִׁיעוּרִים וָואס מֶען הָאט שׁוֹין פוּן אַ גַאנְץ יָאר, אִיז וִוי בְּלַייבְּט נָאךְ אִיבֶּער עֶפֶּעס צַייט צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען דֶעם חוֹדֶשׁ?

מֶען זֶעט אַז אֲפִילוּ אִין דִי פְלֶעצֶער וואוּ עֶס אִיז נִישְׁט אַיינְגֶעפִירְט צוּ זָאגְן "יוֹם כִּיפּוּר קָטָן" יֶעדְן עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, זָאגְט מֶען עֶס אָבֶּער אִיבֶּערָאל עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, וַוייל וֶוען עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ אֱלוּל בַּאקוּמְט יֶעדֶער אִיד אַ הִרְהוּר תְּשׁוּבָה, יֶעדֶער וִויל תְּשׁוּבָה טוּהן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## אַל תִּפְנוּ אֶל הָאֱלִילִים

עֶס דְרֵייט זִיךְ אַרוּם אַ טַייטְשׁ וָואס אֵיינֶער הָאט גֶעזָאגְט אוֹיפְ'ן פָּסוּק "אַל תִּפְנוּ אֶל הָאֱלִילִים", אַז מֶען זָאל נִישְׁט מַאכְן קַיין גְרוֹיסֶע עֵסֶק פוּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל. דָאס טָאר נִישְׁט מֶען זָאגְן, אַזַא טַייעֶרֶע חוֹדֶשׁ וָואס אִיז אֵייבִּיג גֶעוֶוען אָנְגֶענוּמֶען בַּיי כְּלַל יִשְׂרָאֵל אַלְס אַ צַייט פוּן תְּשׁוּבָה אוּן זִיךְ פַארְבֶּעסֶערְן דִי מַעֲשִׂים, קֶען מֶען עֶס נִישְׁט אַוֶועק מַאכְן מִיט אַ וֶוערְטְל.

אַנְדֶערֶע הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז דֶער טַייטְשׁ גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דֶעם וָואס גֶעוִויסֶע וִוילְן אַיינְפִירְן אַ נֵייעֶ מִנְהָג אַז מֶען מַאכְט נִישְׁט חֲתוּנָה אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל, אוֹיף דֶעם אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אַז מֶען זָאל נִישְׁט מַאכְן קַיין עֵסֶק פוּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל. דָאס קֶען שׁוֹין יָא זַיין אֱמֶת, אַזַא מִנְהָג שְׁטֵייט נִישְׁט אִין עֶרְגֶעץ, עֶס אִיז קֶעגְן דִי הֲלָכָה אוּן קֶעגְן שֻׁלְחָן עָרוּךְ, עֶס וֶוערְט נִישְׁט דֶערְמַאנְט אִין קַיין שׁוּם פּוֹסֵק אַז מֶען זָאל נִישְׁט חֲתוּנָה מַאכְן חוֹדֶשׁ אֱלוּל. פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, דֶער חוֹדֶשׁ אִיז מְסוּגָל פַאר אַלֶעס, אוּן אוֹיךְ פַאר חֲתוּנָה מַאכְן.

וואוּיל אִיז פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס נוּצְט אוֹיס דֶעם חוֹדֶשׁ וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מִיט אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיט אַסַאךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה. אַוַודַאי דַארְף מֶען הִתְחַזְּקוּת אוֹיף דֶעם אוֹיךְ, וַוייל אַסַאךְ מָאל נֶעמְט מֶען זִיךְ אוּנְטֶער צוּ עֶנְדִיגְן אַסַאךְ שִׁיעוּרִים אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל, אוּן דֶערְנָאךְ קוּמְט מֶען נִישְׁט אָן עֶס צוּ עֶנְדִיגְן אִינְגַאנְצְן, דַארְף מֶען וִויסְן

<<<<<<

<<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

אַז אוֹיבּ מֶען הָאט עֶס נִישְׁט גֶעעֶנְדִיגְט חוֹדֶשׁ אֱלוּל קֶען מֶען עֶס נָאךְ מַשְׁלִים זַיין בִּיז שִׂמְחַת תּוֹרָה, און אוֹיבּ מֶען הָאט עֶס נִישְׁט גֶעעֶנְדִיגְט בִּיז שִׂמְחַת תּוֹרָה קֶען מֶען נָאךְ מַשְׁלִים זַיין בִּיז זֹאת חֲנוּכָּה וָואס אִיז נָאךְ אַ הֶמְשֵׁךְ פוּן דִי יָמִים נוֹרָאִים, אַזוֹי וִוי דִי סְפָרִים הַקְדוֹשִׁים שְׁרַייבְּן, מֶען טָאר אָבֶּער נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ.

דֶער עִיקָר דַארְף מֶען גֶעדֶענְקְן אוֹיסְצוּנִיצְן דִי טֶעג, און נִישְׁט אָנְבְּרֶענְגֶען דִי טֵייעֶרֶע צַייט, און אַזוֹי וֶועט מֶען הָאבְּן אַ גוּטֶע רֹאשׁ הַשָּׁנָה, און אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז גוּט וֶועט קוּמֶען אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע יָאר פוּל מִיט אַלֶע גוּטֶע זַאכְן בְּגַשְׁמִיּוּת וּבְרוּחְנִיּוּת.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ב' וְחֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ אֱלוּל)

<<<<<< נייעס

צוויי שעה קיין אומאן, וואו מען וועט ענדליך זוכה זיין נאך די פילע תפילות צום אייבערשטן צו איבערטרעטן די שוועל פונעם הייליגן ציון אין די פארמיטאג שעה'ן פון דאנערשטאג פרשת נצבים מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף. מען וועט זיך גרייטן אויפ'ן געהויבענעם שבת, דער לעצטער שבת פון יאר, וואס מען וועט אויסנוצן ווי עס דארף צו זיין במחיצתו פון הייליגן רבי'ן, צו פאררעכטן דאס גאנצע יאר, און זיך גרייטן צום גרויסן יום הדין, די פארכטיגע טעג פון ראש השנה.

**דער וועג אהיים:**

נאכ'ן אפרעכטן דעם געהויבענעם ראש השנה ביים הייליגן רבי'ן, די הארציגע תפלות, תקיעת שופר, תיקון הכללי, די לעכטיגע שיעורים און דרשות פון ראש ישיבה שליט"א, און פועל'ן פאר זיך, פאר די משפחה, און פאר גאנץ כלל ישראל א גוט געבענטשט יאר, וועט מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף זיין צוגעשטעלט א געשמאקע וועג צוריק אהיים צו די בענקעדיגע משפחה וואס ווארט שוין אין ניו יארק.

**מוצאי יום טוב (דינסטאג פ' וילך ביינאכט):** מוצאי יום טוב וועט מען נאך איבערשלאפן אין אומאן אינעם בנין פון היכל הקודש צוזאמען מיט אלע אנשי שלומינו, מען וועט זיך פרייען אויף די גרויסע זכיה אז מען האט זוכה געווען צו ווילן דעם ראש השנה תשפ"ג במחיצתו פונעם הייליגן רבי'ן, מען האט זוכה געווען איבערצוקומען אלע שווערע מניעות און שטיינער אויפ'ן וועג, און מקיים געווען דעם רצון פון הייליגן רבי'ן בתמימות ובפשיטות.

**מיטוואך פ' וילך (צום גדלי') אינדערפרי:** צום גדלי' פארטאגס וועט אפווארטן א גרויסע פלאטע פון צענדליגע באסעס פאר'ן גאנצן עולם, און מען זיך ארויסלאזן אויפ'ן צוויי שטונדיגע רייזע ביז צום באן סטאנציע. און אין די פארמיטאג שעות פון צום גדלי' וועט מען זיך ארויפזעצן אויפ'ן באקוועמען באן, סליחות און שחרית וועט זיין אדער אויפ'ן די באסעס אדער אויפ'ן באן, און בעז"ה וועט מען אנקומען פארנאכטס אין שטאט ליזענסק.

**מיטוואך פ' וילך ביינאכט:** אין ליזענסק וועט זיין מנחה מעריב, און עס וועט זיין צוגעשטעלט א ברייטע געשמאקע נאכטמאל אויסצופאסטן, און דערנאך וועט מען זיך לייגן שלאפן אין אן ארטיגע באקוועמע האטעל.

**דאנערשטאג פ' וילך אינדערפרי:** דאנערשטאג וילך אינדערפרי וועט זיין צוגעשטעלט א פיינע מקוה, סליחות און שחרית אינעם ארטיגן בית המדרש, און פרישטאג, און פון דארט וועט כסדר ארויספארן באסעס צו די עטליכע לופטפעלדער אין פוילן פון וואו דער עולם וועט צוריק פארן קיין ניו יארק בשעה טובה ומוצלחת.

**דאנערשטאג פ' וילך נאכמיטאג:** דער עולם וועט מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף אנקומען בשלום קיין ניו יארק אין די דאנערשטאג נאכמיטאג שעה'ן מיט פילע זעק ישועות און רפואות און א שנה טובה ומבורכת.

**פרייזן און רעגיסטראציע:**

די פרייז פאר די אלע סערוויסעס, די באנען, באסעס, עסן און טרונקען, בעטן, האטעל, אלעס אריינגערעכנט; איז $889 פער מענטש. א קינד וואס דארף נישט קיין עקסטערע בעט אין די האטעל אויפ'ן וועג צוריק וועט זיין $839.

**> צווייטע אפציע - טיילווייזע סערוויס, עפארדעבל**

אויפ'ן פארלאנג פון טייל אידן וואס זוכן ביליגערע סערוויס, האבן מיר צוגעשטעלט די צווייטע אפציע, פאר די פרייז פון בלויז $399, וועט מען קענען פארן מיט די באן פון פוילן קיין אוקריינא און פון דארט מיט די באסעס קיין אומאן, און אויף צוריק וועט מען אויך פארן מיט די באסעס פון אומאן צום באן סטאנציע, און פון דארט מיט די באן קיין פוילן.

אזוי ווי פלעצער זענען זייער באגרעניצט, מען דארף באשטעלן די באסעס, די באנען, האטעל צימער, עסן און טרונקען לויט'ן געברויך, דארף מען זיך וואס פריער איינשרייבן. מען קען זיך איינשרייבן ביי מו"ה אפרים פעלדמאן הי"ו 845-587-2421 אדער ביי מו"ה משה בלוי הי"ו 917-636-9026.

אנשי שלומינו דרוקן אויס זייער שטארקע הכרת הטוב פאר מו"ה אלי קנאלל הי"ו, און די גאנצע געטרייע שטאב ביי "פלען איט רייט", פאר'ן זיך איבערגעבן בלב ונפש צו העלפן אנשי שלומינו קענען אנקומען קיין אומאן אויפ'ן גרינגסטן פארנעם, אלע יארן, און ספעציעל היי יאר ווען די אומשטענדן זענען פיל שווערער.

**איש בל יעדר!**

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אָנְקוּמֶען קַיין אוּמַאן הֵיי יָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ בִּין זֵייעֶר נֶערְוֶועז וָואס וֶועט זַיין מִיטְ'ן פָּארְן קַיין אוּמַאן הֵיי יָאר. יֶעדְן טָאג הֶערְט מֶען אַנְדֶערֶע זַאכְן פוּן אַ טָאג פְרִיעֶר, אֵיין מִינוּט זָאגְט דִי נֵייעֶס אַז מֶען וֶועט יָא פָּארְן, נָאכְדֶעם אַז נִישְׁט.

אִיךְ קֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן נִישְׁט זַיין בַּיים רֶבִּי'ן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיךְ בִּין אַרִיבֶּער אַ שְׁוֶוערֶע יָאר, סַיי בְּרוּחְנִיּוּת און סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת, אִיךְ קוּק אַזוֹי שְׁטַארְק אַרוֹיס צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט עֶפֶּעס אַן עֵצָה אָדֶער אַ סְגוּלָה צוּ קֶענֶען זַיין אִין אוּמַאן דָאס יָאר?

**יְיַשֵּׁר כֹּחַ**

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ג' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ו מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַ סְגוּלָה בָּדוּק וּמְנוּסָּה צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי'ן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן; לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה וָואס רֶעדְט פוּן פָארְן צוּ צַדִּיקִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רִיא, און זָאגְן דִי תְּפִילָה פוּן לִיקוּטֵי תְּפִילּוֹת סִימָן עו - יֶעדְן טָאג; דָאס אִיז אַ סְגוּלָה בָּדוּק וּמְנוּסָּה צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

דֶערִיבֶּער, אַז דוּ ווִילְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, זוֹכֶה זַיין צוּ טָהֳרַת הַמַּחֲשָׁבָה און צוּ מַמְתִּיק זַיין אַלֶע דִינִים - זָאלְסְטוּ פוּן הַיינְט לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה הַנַּ"ל, און זָאגְן דִי תְּפִילָּה הַנַּ"ל, עֶס אִיז אַ קוּרְצֶע תּוֹרָה און אַ נִישְׁט לַאנְגֶע תְּפִילָּה; וֶועסְטוּ בְּוַדַּאי זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי'ן רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.**

דָא הָאסְטוּ דִי תּוֹרָה:

**מַה שֶּׁהָעוֹלָם נוֹסְעִין עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה לְצַדִּיקִים, כִּי עִקַּר הַמְתָּקַת הַדִּינִין אֵינוֹ אֶלָּא עַל יְדֵי קְדֻשַּׁת וְטָהֳרַת הַמַּחֲשָׁבוֹת, כִּי שָׁם שָׁרְשָׁם. כַּמּוּבָא בַּזֹּהַר: כֹּלָּא בְּמַחֲשָׁבָה אִתְבְּרִרוּ. וְאִי אֶפְשָׁר לָבוֹא לְמֹחִין זַכִּים אֶלָּא עַל יְדֵי הִתְקַשְּׁרוּת לְצַדִּיקִים, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "וַיִּקַּח מֹשֶׁה אֶת עַצְמוֹת יוֹסֵף", 'מֹשֶׁה הוּא בְּחִינַת מֹחִין, וְיוֹסֵף הוּא בְּחִינַת צַדִּיק', הַיְנוּ שֶׁאֵין שְׁלֵמוּת לְמֹחִין אֶלָּא עַל יְדֵי הִתְקַשְּׁרוּת לְצַדִּיקִים. וְרֹאשׁ הַשָּׁנָה הוּא מְקוֹר הַדִּינִים שֶׁל כָּל הַשָּׁנָה, וְצָרִיךְ לְטַהֵר אֶת מַחֲשַׁבְתּוֹ כְּדֵי לְהַמְתִּיקָם, וּבִשְׁבִיל זֶה נוֹסְעִין לְצַדִּיקִים כְּדֵי לִזְכּוֹת לִקְדֻשַּׁת הַמַּחֲשָׁבָה.**

און דִי תְּפִילָּה:

**יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ ה' אֱלֹקֵינוּ וֵאלֹקֵי אֲבוֹתֵינוּ, שֶׁתְּזַכֵּנִי בְּרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים לֵילֵךְ וְלִנְסֹעַ לְצַדִּיקִים אֲמִתִּיִּים עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וְלִהְיוֹת מְקֻשָּׁר תָּמִיד לְצַדִּיקִים אֲמִתִּיִּים, וְעַל־יְדֵי־זֶה אֶזְכֶּה לְקַדֵּשׁ אֶת דַּעְתִּי וּמַחֲשַׁבְתִּי בִּקְדֻשָּׁה גְּדוֹלָה. וְתַחְמֹל עָלַי בְּחֶמְלָתְךָ הַגְּדוֹלָה, וְתִהְיֶה בְּעֶזְרִי וְתַצִּילֵנִי מִכָּל מִינֵי מַחֲשָׁבוֹת זָרוֹת וּמִכָּל מִינֵי פְּגַם הַדַּעַת שֶׁבָּעוֹלָם, וּתְחָנֵּנִי מֵאִתְּךָ חָכְמָה דֵּעָה בִּינָה וְהַשְׂכֵּל, וּתְזַכֵּנִי מְהֵרָה לִקְדֻשַּׁת הַמַּחֲשָׁבָה בִּשְׁלֵמוּת בֶּאֱמֶת. וּבְרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים תַּמְתִּיק וּתְבַטֵּל כָּל הַדִּינִים מֵעָלֵינוּ וּמֵעַל כָּל עַמְּךָ בֵּית־יִשְׂרָאֵל מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם. וְנִזְכֶּה לְקַבֵּל קְדֻשַּׁת רֹאשׁ הַשָּׁנָה עַל־יְדֵי הַצַּדִּיקִים אֲמִתִּיִּים, וּלְתַקֵּן כָּל הַתִּקּוּנִים שֶׁצְּרִיכִין לְתַקֵּן בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁהוּא מְקוֹר הַדִּינִים שֶׁל כָּל הַשָּׁנָה. וְתִהְיֶה מַחֲשַׁבְתֵּנוּ קְדוֹשָׁה וּטְהוֹרָה תָּמִיד, וּבִפְרָט בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה הַקָּדוֹשׁ.**

**אָנָּא רַחוּם, בְּרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים תְּרַחֵם עָלֵינוּ וּתְזַכֵּנוּ וּתְחָנֵּנוּ אָז לִקְדֻשַּׁת הַמַּחֲשָׁבָה בְּיוֹתֵר, וְתִשְׁמְרֵנוּ וְתַצִּילֵנוּ שֶׁלֹּא יַעֲלֶה אָז עַל מַחֲשַׁבְתֵּנוּ שׁוּם מַחֲשָׁבָה זָרָה וְחִיצוֹנָה כְּלָל, רַק בְּשִׁמְךָ נָגִיל כָּל הַיּוֹם בְּאֵימָה וּבְיִרְאָה בִּקְדֻשָּׁה וּבְטָהֳרָה גְּדוֹלָה, בְּמַחֲשָׁבוֹת קְדוֹשׁוֹת וְזַכּוֹת וְצַחוֹת בְּתַכְלִית הַזַּכּוּת וְהַבְּהִירוּת, עַד שֶׁנִּזְכֶּה בְּכֹחַ הִתְקַשְּׁרוּת הַצַּדִּיקִים הָאֲמִתִּיִּים לְתַקֵּן וּלְבָרֵר כָּל הַבֵּרוּרִים בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה, לְבָרֵר כָּל נִיצוֹצוֹת הַקְּדֻשָּׁה מֵעִמְקֵי הַקְּלִפּוֹת, וּלְהַמְתִּיק וּלְבַטֵּל כָּל הַדִּינִים שֶׁבָּעוֹלָם מֵעָלֵינוּ וּמֵעַל כָּל עַמְּךָ בֵּית־יִשְׂרָאֵל, וְיִמְשַׁךְ עָלֵינוּ אַךְ טוֹב וָחֶסֶד וִישׁוּעָה וְרַחֲמִים**

<<<<<<

BreslevCenter.com\answers

גְּדוֹלִים "מֵרֵאשִׁית הַשָּׁנָה וְעַד אַחֲרִית שָׁנָה". וְתִכְתְּבֵנוּ וְתַחְתְּמֵנוּ אָז לְחַיִּים טוֹבִים אֲרֻכִּים וּלְשָׁלוֹם, לְחַיִּים אֲמִתִּיִּים, חַיִּים שֶׁיֵּשׁ בָּהֶם יִרְאַת שָׁמַיִם, חַיִּים שֶׁנִּזְכֶּה בָּהֶם לִשְׁמֹר מִצְוֹתֶיךָ וְלַעֲשׂוֹת רְצוֹנְךָ בֶּאֱמֶת וּבְלֵב שָׁלֵם, וּלְתַקֵּן כָּל מַה שֶּׁפָּגַמְנוּ מֵעוֹדֵנוּ עַד הַיּוֹם הַזֶּה, וְתַשְׁפִּיעַ עָלֵינוּ פַּרְנָסָה טוֹבָה וְרַחֲמִים וְחַיִּים וְשָׁלוֹם וְכָל טוֹב.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַתָּה יוֹדֵעַ גֹּדֶל הַחִיּוּב לִנְסֹעַ עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה לְצַדִּיקִים אֲמִתִּיִּים, וְגַם אַתָּה יוֹדֵעַ אֶת עֹצֶם רִבּוּי הַמְּנִיעוֹת שֶׁמִּתְגַּבְּרִים עַל זֶה מִכָּל הַצְּדָדִים. חוֹמֵל דַּלִּים, חוּס וַחֲמֹל עָלֵינוּ וְעָזְרֵנוּ וְזַכֵּנוּ לְשַׁבֵּר כָּל הַמְּנִיעוֹת, וְהוֹרֵנוּ דְּרָכֶיךָ וְהַדְרִיכֵנוּ בַּאֲמִתֶּךָ וְלַמְּדֵנוּ, שֶׁנִּזְכֶּה לֵילֵךְ וְלִנְסֹעַ לְצַדִּיקִים אֲמִתִּיִּים עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, בְּאֹפֶן שֶׁנִּזְכֶּה עַל־יָדָם לִקְדֻשַּׁת הַמַּחֲשָׁבָה בֶּאֱמֶת. כִּי אַתָּה יוֹדֵעַ שֶׁעַכְשָׁיו בְּעוּקְבוֹת מְשִׁיחָא, עִקַּר סְמִיכָתֵנוּ וִישׁוּעָתֵנוּ הוּא רַק עַל יְמֵי רֹאשׁ הַשָּׁנָה הַקְּדוֹשִׁים, אֲשֶׁר בָּהֶם אָנוּ נִשְׁעָנִים לְהִתְקָרֵב אֵלֶיךָ, וּלְהַמְשִׁיךְ אֱלָקוּתְךָ וּמַלְכוּתְךָ עָלֵינוּ מֵרֹאשׁ הַשָּׁנָה עַל כָּל הַשָּׁנָה כֻּלָּהּ. וַאֲנַחְנוּ לֹא נֵדַע מַה נַּעֲשֶׂה בִּימֵי רֹאשׁ הַשָּׁנָה הַקְּדוֹשִׁים, וְאֵיךְ לְרַצּוֹת אוֹתְךָ אָז כָּרָאוּי. שֶׁנִּזְכֶּה לְהַמְלִיכְךָ עָלֵינוּ בְּאֵימָה וּבְיִרְאָה, וְאֵיךְ לַעֲמֹד כְּנֶגֶד כָּל הַשּׂוֹנְאִים וְהַמְקַטְרְגִים לִסְתֹּם פִּי מַסְטִינֵנוּ וּמְקַטְרִיגֵנוּ, כִּי אִם בִּזְכוּת וְכֹחַ הַצַּדִּיקִים אֲמִתִּיִּים, עֲלֵיהֶם אָנוּ נִשְׁעָנִים וּבָהֶם אָנוּ סְמוּכִים, כִּי הֵם יִלָּחֲמוּ לְפָנֵינוּ וְיַכְנִיעוּ וְיַפִּילוּ כָּל שׂוֹנְאֵינוּ וְרוֹדְפֵינוּ, וְיַמְשִׁיכוּ עָלֵינוּ קְדֻשַּׁת רֹאשׁ הַשָּׁנָה בִּשְׁלֵמוּת, עַל כֵּן רַחֵם עָלֵינוּ לְמַעַן שְׁמֶךָ, וֶהְיֵה בְּעֶזְרֵנוּ שֶׁנִּזְכֶּה לְשַׁבֵּר כָּל הַמְּנִיעוֹת וְנִזְכֶּה לָבֹא לְצַדִּיקִים אֲמִתִּיִּים עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וּלְהִתְקַשֵּׁר אֲלֵיהֶם בֶּאֱמֶת וְלִזְכּוֹת לִקְדֻשַּׁת הַמַּחֲשָׁבָה בִּשְׁלֵמוּת עַל־יָדָם, וְנִזְכֶּה לְהַמְתִּיק וּלְבַטֵּל כָּל הַדִּינִים וּלְהַמְשִׁיךְ עָלֵינוּ חֲסָדִים טוֹבִים, וּתְזַכֵּנוּ לְהַכִּיר וְלָדַעַת רוֹמְמוּתְךָ וּמֶמְשַׁלְתְּךָ עָלֵינוּ, וְתִמְלֹךְ עָלֵינוּ בִּכְבוֹדְךָ מְהֵרָה, "וְיֵדַע כָּל פָּעוּל כִּי אַתָּה פְעַלְתּוֹ. וְיָבִין כָּל יְצוּר כִּי אַתָּה יְצַרְתּוֹ, וְיֹאמַר כֹּל אֲשֶׁר נְשָׁמָה בְּאַפּוֹ, ה' אֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל מֶלֶךְ וּמַלְכוּתוֹ בַּכֹּל מָשָׁלָה", וּתְטַהֲרֵנוּ וּתְקַדְּשֵׁנוּ בִּקְדֻשָּׁתְךָ הָעֶלְיוֹנָה מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם, אָמֵן סֶלָה.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה רְאֵה תשפ"ב)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# פלען איט רייט טרעוול שטעלט ארויס פרטים איבער די באנען פון פוילן קיין אומאן

**קרעדיט: מו"ה אלי קנאלל הי"ו - פלען איט רייט 845-678-3555**

מיר דערנענטערן זיך שוין אט אט צום גורל'דיגן טאג ראש השנה, דער פחד'יגער יום הדין, ווען דער אייבערשטער אליינס דער מלך מלכי המלכים זעצט זיך משפט'ן אלע זיינע ברואים, מען גייט מיר דן זיין וואס וועט זיין מיט מיר דעם קומענדיגן יאר, עס כאפט א שרעק, לב יודע מרת נפשו, ווי אזוי האט מיין יאר אויסגעזען? ווער ווייסט וואס ווארט מיך אפ קומענדיגעס יאר? יעדער איד זוכט אין די טעג מרבה צו זיין מיט זכותים, מען לערנט מער, מען זאגט מער תהלים, און מען זוכט ווי מען קען פארמערן מיט מצוות און מעשים טובים. אין די זעלבע צייט וויל מען אויך דינגען דעם בעסטן לויער וואס זאל מיר פארטרעטןביים געריכט. מען זוכט אן אדוואקאט וואס וועט זיך אננעמען פאר מיר, און פועל'ן אז מען זאל מיר געבן נאך א שאנס.

ווען מען הערט די הבטחה פון הייליגן רבי'ן אז ער וועט זיך לייגן אין די לענג און אין די ברייט פאר די אלע וואס קומען צו אים קיין אומאן אויף ראש השנה, קוקט מען שוין נישט אויף קיין שום זאך. וואס טוט דען נישט א מענטש פאר די טובה פון זיין משפחה? ווי שטארק וועט מען זיך אנשטרענגען צו ברענגען פרנסה אין שטוב? בפרט ווען מען ווייסט אז דא איז אנגעהאנגען נישט נאר זיין פרנסה נאר פשוט זיין לעבן, און נאך מער אויך זיין רוחניות'דיגע לעבן. מען געדענקט וואס דער הייליגער רבי האט צוגעזאגט אז נישט קיין חילוק ווער און נישט קיין חילוק וואו א מענטש זאל ח"ו נישט ליגן וועט ער אים ארויסשלעפן פון זיין בלאטע אין וואס ער איז נעבעך אריינגעפאלן, און ער וועט זוכה זיין צו א תשובה שלימה, דורכדעם וואס מען קומט צו זיין ציון.

פון איין זייט איז טאקע שווער צו פארן, בפרט היי יאר ווען אוקריינא איז אין א מלחמה צושטאנד, אבער פון די אנדערע זייט דארף מען דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן, אז ווי עס זעט אויס וועט מען קענען פארן, די אוקריינע רעגירונג האט געזאגט אז פון זייער זייט וועט די גרעניץ זיין גענצליך אפן פאר אלע וואס קומען קיין אומאן אויף ראש השנה, נאר זיי בעטן אז מען זאל נישט קומען זייער פרי, און אויך מוז מען זיך האלטן צו די פארשידענע מלחמה-צייט געזעצן. חשובע רבנים האבן ארויסגעגעבן זייער פסק אז אומאן איז נישט יעצט קיין מקום סכנה, אין די אומגעגנט ברענט נישט די פייער פון מלחמה, און דעריבער מעג מען פארן קיין אומאן אויף ראש השנה.

די שטאב פון "פלען איט רייט" טראוועל אגענטור האט אויסגעארבעט א פולקאמע פלאן וואס וועט בעזר השם קענען ברענגען אלע אנשי שלומינו, תלמידי היכל הקודש קיין אומאן, אויפ'ן בעסטן שטייגער מעגליך, לויט'ן יעצטיגן מצב.

רוב רובם פונעם ציבור האבן געקויפט טיקעטס וואס פארן ארויס ערגעץ אין די דינסטאג נצבים נאכמיטאג צייט, און קומען אן צו עטליכע עירפארטס אין פוילן אין די נאכמיטאג שטונדן פון מיטוואך, און מען קומט צוריק קיין ניו יארק דאנערשטאג וילך במשך דעם טאג.

יעצט קומט אריין די גוטע נייעס, אז עס איז ברוך השם געלונגען פאר "פלען איט רייט" צוצושטעלן פאר די גאנצע חבורה א גאר געשמאקע וועג פון די עירפארטס אין פוילן ביז קיין אומאן, אויף די בעסטע וועג וואס איז מעגליך לויט די אומשטענדן, ווי עס וועט בעז"ה ווערן צוגעשטעלט פאר'ן ציבור אלע געברויכן פארן לאנגען נסיעה, ווי באנען, באסעס, מקוה, דאווענען, עסן, און שלאפן, און אזוי ווייטער.

**> ערשטע אפציע - פולע סערוויס**

**די רייזע פון ניו יארק קיין אומאן:**

**דינסטאג פ' נצבים:** ווי געזאגט פארט מען ארויס פון ניו יארק בשעה טובה ומוצלחת בעז"ה דינסטאג נאכמיטאג.

**מיטוואך פ' נצבים:** "פלען איט רייט" וועט בעז"ה צושטעלן באסעס וואס וועלן אפווארטן דעם עולם במשך מיטוואך נאכמיטאג אין די עירפארטס אין ווארשא, קראקא, און ריישא יעדער לויט זיין פליגער, וואס וועלן נעמען דעם ציבור צו א געשמאקע לאקאציע אין די געגענט פון די שטאט ליזענסק, מקום מנוחת קדשו פון הרה"ק רבי ר' אלימלך זי"ע, דארט וועט זיין צוגעשטעלט א פיינע פרישע מקוה מיט שויערס, און א נאראהאפטיגע זעטיגע נאכטמאל.

**מיטוואך פ' נצבים ביינאכט:** נאכדעם וואס אלע באסעס וועלן שוין האבן אנגעקומען פון אלע עירפארטס און יעדער וועט זיך אויפפרישן און האבן אפגעגעסן און געדאווענט מנחה און מעריב, וועט זיין צוגעשטעלט באסעס וואס וועלן נעמען דעם עולם צו די באן סטאנציע.

פון דארט וועט מען זיך ארויפזעצן אויף א באקוועמע באן וואס וועט נעמען דעם עולם אויף א זיבן שעה'דיגע רייזע קיין אוקריינא. אויפ'ן באן וועט זיין צוגעשטעלט לייכטע איבערבייס מיט א ברייטע האנט. ווי נאר עס הויבט אן טאגן וועט מען זאגן סליחות און דאווענען שחרית אויפ'ן באן.

**דאנערשטאג פ' נצבים:** די באן וועט בעז"ה אנקומען צום דעסטינאציע אין אוקריינא דאנערשטאג נצבים אין די צופרי שעה'ן, וואו מען וועט זיך אפשטעלן און עס וועט דארט ווערן צוגעשטעלט א ברייטע נאראהאפטיגע פרישטאג.

דערנאך וועט זיין צוגעשטעלט א ריזיגע פלאטע פון באקוועמע קאוטש באסעס בהרחבה, אויף א וועג פון בערך

<<<<<<


## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **נחום ברילל** הי"ו
צו די אפשערן פון זיין אינגל
נחמן נתן נ"י למזל טוב

***

מו"ה **יוחנן שור** הי"ו
צו די אפשערן פון זיין אינגל
צבי נ"י למזל טוב

***

מו"ה **אשר לעמל זוסמאן** הי"ו
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

## כפוי טובה

די שיינקייט פון הכרת הטוב, און די מיאוסקייט פון זיין א כפוי טובה

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 8, 2, 79**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי"ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 541152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 541152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**